אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון




געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת ויצא תשפ"ד •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 339

## אמרות שמשון

### דער וועלט שטעלט זיך ווי א וואנט אנטקעגן יעקב אבינו • דער שטיין איז געווארן דער 'אבן שתיה' • אבן שתיה באפעסטיגט די וועלט

***וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא (כח, יא)***: עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט שמעוני רמז קי"ז), ***וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם - ביקש לעבור ונעשה העולם כותל לפניו***. ווען יעקב אבינו איז געגאנגען אויף זיין וועג, האט ער אומבאמערקטערהייט געוואלט אַדורך גיין דעם הר המוריה, האט זיך די וועלט אנטקעגן געשטעלט ווי א וואנט און אים אָפּגעהאלטן פון גיין ווייטער.

**שטעלט** זיך די קשיא, פארוואס האט אינטערסירט פארן 'וועלט' אז יעקב אבינו שטעלט זיך נישט אָפּ ביים הר המוריה, אזוי ווייט אז די וועלט האט זיך אַנטקעגן געשטעלט ווי א וואנט, און אָפּגעשטעלט יעקב צו גיין ווייטער?

**עס** ווערט געברענגט אין 'פרקי דרבי אליעזר' (פרק ל"ה), אויפן פסוק (כח, יח), ***וַיִּקַּח אֶת הָאֶבֶן אֲשֶׁר שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו***. דער אויבערשטער האט גענומען דער שטיין וואס יעקב אבינו איז געשלאפן דערויף, און דאס איינגעזינקען מיט דער רעכטע פוס (כביכול) טיף אריין אין די תהום, און דאס אוועקגעשטעלט צו אָנהאַלטן און באַפעסטיגן ארץ ישראל.

**דער** שטיין ווערט אנגערופען 'אבן שתיה' וואס דאס באַפעסטיגט דער גאנצע וועלט, און העכער דעם שטיין איז געבויעט געווארן די בית המקדש, אזוי ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק (כח, כט), ***וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹהִים וגו'***.

**זעט** מען פונעם מדרש, אז ביז די צייטן פון יעקב אבינו האט דאס וועלט נאכנישט פארמאגט קיין יסודות וואס זאל איר באפעסטיגן. נאר נאכדעם וואס יעקב אבינו איז געשלאפן אויף דעם שטיין, האט דער אויבערשטער דאס גענומען און דאס פארוואַנדלט פאר א 'אבן שתיה' וואס זאל באַפעסטיגן די וועלט.

**לויט** דעם פארשטייט מען פארוואס די וועלט האט אָפּגעהאלטן יעקב אבינו פון גיין ווייטער זיין וועג. ווייל אויב וואָלט ער נישט איבער גענעכטיגט אויפן הר המוריה וואלט מען נישט באפעסטיגט די וועלט, און די וועלט וואָלט בטל געווארן. (און יעקב אבינו וואלט נישט געקענט פאָרזעצן צו גיין ווייטער זיין וועג).

**צוליב** דעם האט דער וועלט זיך אוועק געשטעלט ווי א וואנט, אזוי האט יעקב אבינו נישט געקענט אריבער גיין, און געמוזט נעכטיגן אויפן הר המוריה, און פון דעם איז ארויס געקומען דעם 'אבן שתיה' וואס טוט באַפעסטיגן דער וועלט. (פרשתינו אות א')

### דער אויבערשטער רעדט צו יעקב אבינו אין די טונקל • אזוי ווי דער פריינט פונעם קעניג • דער אור ווערט אנטפלעקט אין די חושך

***וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא: (כח, יא)***: עס שטייט אין 'מדרש' (ילקוט שמעוני רמז קי"ז), דער אויבערשטער האט געמאכט אז די זון זאל אונטערגיין איידער איר באשטימטע די צייט, כדי צו קענען רעדן מיט יעקב אבינו באַהאַלטענערהייט.

**דאס** איז א 'משל' צו א פריינט פון קעניג וואס קומט באזוכן דעם קעניג פון צייט צו צייט. ווען דער פריינט קומט צו קעניג, באפעלט דער קעניג מען זאל פארלעשן די ליכט, כדי ער זאל קענען רעדן מיט זיין פריינט באַהאַלטענערהייט.

**דאס** זעלבע זאך האט פאסירט ווען דער אויבערשטער האט געוואלט רעדן מיט יעקב אבינו, האט ער געמאכט אז די זון זאל אונטערגיין און רעדן באהאלטענערהייט מיט יעקב אבינו.

**מען** קען ערקלערן דאס טיפע באדייט דערפון, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (בראשית רבה ו, ג), אויפן פסוק (בראשית א, טז), ***וְאֶת הַמָּאוֹר הַקָּטֹן לְמֶמְשֶׁלֶת הַלַּיְלָה***. זאגט 'רב נחמן', ווילאנג עס שיינט א גרויסע ליכטיגקייט קען מען נישט דערקענען די קלענערע ליכטיגקייט.

**דאס** זעלבע - זאגט דער מדרש - איז מיט 'יעקב' און 'עשו', ווילאנג עס שיינט די אור פון עשו, וועט מען נישט קענען זען און דערקענען די אור פון יעקב, אבער ווען

זרע שמשון



לומדים זרע שמשון

הלימוד לזכות והצלת
כל אחינו בני ישראל
יושבי ארץ ישראל
העומדים בצרה ובשביה.
המקום ירחם עליהם
ויוציאם מצרה לרווחה
ומאפילה לאורה
ולגאולה קרובה.

'קול זרע שמשון העולמי'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים
לזכות לברכה ולעילוי נשמת

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מדים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניניםה | ישעיה בן צלחה<br>להצלחה וברכה<br>לישועה והצלה | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה<br>ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | אליהו בן אסתר<br>ונודיאל ישעיהו ז"ל<br>נלב"ע ט"ו בחשון תשפ"ד ת.נ.צ.ב.ה. | הרה"ק רבי אברהם דוב ב"ר דוד<br>מאווריטש זיע"א<br>בעל ה'בית עין' - אשר לא השאיר זש"ק<br>יומא דהילולא ביום ש"ק י"ב כסלו * זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

עס גייט אונטער די ליכטיגקייט פון עשו דאן ווערט אנטפלעקט די אור פון יעקב אבינו.

**דאס** האט דער אויבערשטער געוואלט מרמז זיין מיטן רעדן צו יעקב אבינו אין די טונקלקייט, ווען דער אויבערשטער האט אנטפלעקט פאר יעקב אבינו אלע גלויות וואס כלל ישראל וועט אריבער גיין במשך אלע יארן, און אזוי אויך אלע ניסים וואס וועט פאסירן צו כלל ישראל.

**און** געוויזן אז צום סוף וועט אונטערגיין די אור און שליטה פון עשו הרשע און עס וועט ווערן חושך, און פון די חושך וועט אנטפלעקט ווערן די אור און כבוד פון יעקב אבינו.

**וועגן** דעם איז דא דער זוהן אונטער געגאנגען און ס'איז געווארן חושך, און אזוי האט הקב"ה גערעדט צו יעקב אבינו, צו ווייזן אז נאך די חושך וועט נתגלה ווערן די אור. (פרשתינו סוף אות א')

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרה"ח רבי מנחם בנימין פאשקעס שליט"א:**

## געטראפן א 'אשת חיל' בזכות'ן לערנען 'אשת חיל'

**אלס** איינער וואס האט די זכי' צו עוסק זיין און פארשפרייטן תורת רבינו הזרע שמשון, באקום איך כסדר גריסן פון איבער די גאנצע וועלט, ווי אזוי אידן זענען געהאלפן געווארן בזכות'ן לערנען די הייליגע תורות פונעם זרע שמשון זי"ע, גלייכצייטיג האב איך די אייגנארטיגע געלעגנהייט מיטצוהאלטן פארשידענע געשיכטע'ס פון אנהייב - נאך איידער די ישועה איז אנגעקומען, ביז די גוטע ענדע - ווען מען איז געהאלפן געווארן אין א מזל'דיגע שעה.

**פאלגנד** וויל איך אייך פארציילן אן עפיזאד וואס איך האב מיטגעהאלטן פון אנהייב ביזן סוף, ווי דער הייליגער זרע שמשון האט גע'פועל'ט א ישועה און א טובה געטון פאר די וואס האבן מקיים געווען זיין צוואה און געלערנט זיינע תורות.

**עס** איז געווען מיט נאנט צו האלבע יאר צוריק, איז צוגעקומען צו מיר א טייערער איד מיטן נאמען ר' צ. ש. שליט"א, ער האט זיך אויסגעגאסן זיין שווער הארץ, אז טראץ וואס ער האט שוין בס"ד זוכה געווען צו חתונה מאכן כמעט אלע זיינע קינדער, איז שוין אריבער אסאך יארן, וואס ער איז געבליבן שטעקן ביי די 'כמעט' אלע קינדער.

**זיין** יונגעסטער זון - זיין מוזשיניקל - איז שוין אן עלטערער בחור, א תכשיט מלא מעלות ותשבחות, אבער עס גייט נישט קיין שידוך, די יארן לויפן פאראויס, און נאכאביסל וועט ער שוין דערגרייכן דעם 'בן שלושים לכח', און עס רייסט די הארץ בלויז פון טראכטן אז ער וועט ווערן דרייסיג יאר נאך איידער ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן זיין אייגענע שטוב.

**ער** קומט צו מיר, ווייל ער האט געהערט איבער די גרויסע אויסגעפרואווטע סגולה צו לערנען דער הייליגער ספר זרע שמשון, און ער וויל מיר פרעגן, וואס, ווען, און וויאזוי זאל ער לערנען דעם ספר.

**איך** האב מיטגעשפירט זיין גרויסע ווייטאג - זעצט פאר ר' מנחם בנימין - און איך האב אים פארגעשלאגן אז ווי פארשטייט זיך איז די הבטחה פונעם צדיק חי וקיים, יעדעס מאל וואס מען לערנט אינעם ספר איז עס מעורר אין הימל גרויסע השפעות, בזכות דער מחבר זי"ע, איך האב נאר צוגעלייגט א געדאנק בדרך אפשר, אז ער זאל לערנען די שטיקלעך פונעם קאפיטל 'אשת חיל', וואס דער זרע שמשון ברענגט אנפאנג פרשת חיי שרה, ווי ער איז הערליך שיין מסביר בטוב טעם ודעת דעם גאנצע קאפיטל, וואס דאס קען מעגליך זיין זייער א פאסיגע סגולה, צו לערנען דעם קאפיטל אשת חיל, כדי צו זוכה זיין צו קענען טרעפן אן אשת חיל פארן עלטערן בחור.

**און** איך האב צוגעלייגט אז איך האב שוין זוכה געווען מיטצוהאלטן עטליכע ישועות פון זיווגים, פון מענטשן וואס זענען געהאלפן געווארן בזכות'ן לערנען דעם קאפיטל צוזאמען מיט די תורות פונעם מחבר זי"ע.

**דער** איד האט אנגענומען די ווערטער מיט גרויס ערנסטקייט, ער האט אנגעהויבן פארצולערנען יעדן וואך ביים שבת טיש א שטיקל 'זרע שמשון' אויף 'אשת חיל', ער האט עס געלערנט צוביסלעך און לאנגזאם, יעדע וואך האט האט גרינטליך אפגעלערנט נאך א פסוק מיט א קלארקייט. אזוי איז אריבער כמעט פינעף חדשים - צוויי און צוואנציג וואכן - וואס יעדע וואך איז אפגעלערנט געווארן נאך א פסוק, ביז ער האט מסיים געווען דאס גאנצע קאפיטל.

**עס** האט נישט געדויערט קיין צייט, נאך אין יענעם וואך וואס ער האט געענדיגט לערנען, האט מען אנגעטראגן א שידוך, וואס איז געווען זייער פאסיג און פיין, און נאך א קורצע צייט איז די שידוך געשלאסן געווארן אין א מזל'דיגע שעה. און דער בחור האט ב"ה זוכה געווען צו טרעפן א פאסיגע 'אשת חיל' בזכות'ן לערנען דעם פרק 'אשת חיל'.

**אנו פונים לכל מי שזכה לישועה אנא הכירו טובה למחבר הקדוש זלה"ה ופרסמו את ישועתכם**
**ויהי חלקכם עם מזכי הרבים ועם ריבוי הלומדים בספר המסוגל זרע שמשון.**

**ניתן לשלוח את סיפור הישועה:** **למייל:** zera277@gmail.com **או להתקשר** **05832-80300**
**או בהשארת הודעה בטל:** **02-80-80-600** שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

**צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו:** zera277@gmail.com

**אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: ארץ ישראל:** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

**צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן**
**ארץ ישראל: 05271-66-450**
**באר"ה: 347-496-5657**

**אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,**
**צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין**
**צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'**

**ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)**
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
**כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי**

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120